**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט האדסאן וואלי שאסייען זיך צוריק עפענענדיג נאך היסטארישע פארפלייצונגען אוןווארנט ניו יארקער איבער מער השפעות פון רעגנס די וואך**

***חלקים פון יו. עס. רוט W9, יו. עס. רוט 6 און סטעיט רוט 32 ערווארטעט זיך צוריק צו עפענען היינט נאכפאלגנדיג ארבעט ארום דעם זייגער דורך סטעיט DOT מאנשאפטן און קאנטראקטארס***

***רייניגונג און ערהוילונג זענען פאר אריבער די סטעיט אזוי ווי אפרופנדע אגענטורן האלטן א נאענטע אויג אויף פאראויס געזאגטע וועטערס פאר דאנערשטאג ביז מאנטאג***

***פאטענציאל פאר נאך 2-3 אינטשעס פון רעגנס דאנערשטאג אריין אין פרייטאג קען באטרעפן געגנטער וועלכע ערהוילן זיך יעצט פון פריערדיגע לעצטיגע פארפלייצונגען***

***פארפלייצונג וואַטש אין קראפט ביז דאנערשטאג פאר חלקים פון קלינטאן, עסעקס, לואיס, קאַיוגע, אָסוועגאָו, אָנטאַריאו, וועין, העמילטאן, הערקימער, סאראטאָגע, ווארען און וואשינגטאן קאונטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די צוריק-עפענונג פון וויכטיגע שאסייען אין די האדסאן וואלי וועלכע זענען אינגאנצן אדער טיילווייז פארשלאסן געווארן נאכפאלגנדיג די היסטארישע רעגנס און שרעקליכע פארפלייצונגען וועלכע האבן באטראפן ניו יארק סטעיט דעם זונטאג און מאנטאג. א דאנק ארבעט ארום דעם זייגער דורך סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט מאנשאפטן און קאנטראקטארס, זענען חלקים פון די יו. עס. רוט W9, יו. עס. רוט 6 און סטעיט רוט 32 ערווארטעט זיך צוריק צו עפענען היינט פאר קארן. פאררעכטונג ארבעט האט אריינגערעכנט דאס אוועקנעמען בוימער און אפפאל, אפקראצן און איבערגיסן די פעך וואו נויטיג און פאררעכטונגען צו די וואסער אפלויף סיסטעם. נאך שאסייען זענען ערווארטעט זיך צוריק צו עפענען אין די קומענדיגע טעג אזוי ווי רייניגונג און פאררעכטונג באמיאונגען זעצן פאר.

אין צוגאב האט גאווערנער האקול געמוטיגט ניו יארקער זיך צו גרייטן פאר די מעגליכקייט פון נאך שווערע שטורעמס און שווערע רעגנס די וואך, באזונדערס דאנערשטאג און פרייטאג. כאטש די ערווארטעטע רעגנס וועלן נישט אנקומען צו די מאס וואס ניו יארקער האבן געזעהן פריער די וואך, דאך קענען די נאך צוויי דריי אינטשעס פון רעגן וועלכע זענען ערווארטעט פאראורזאכן נאך פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען אין געוויסע פלעצער וואו די ערד האט שוין איינגעזאפט די מערסטע וואסער וואס עס קען און אזוי אויך קען עס פאראורזאכן העכערע וואסער שטאפלען. גאווערנער האקול האט פאראָרדנט סטעיט אגענטורן וועלכע זענען געווען פארמישט אין די אפרופונג צו די שטורעם די וואך צו בלייבן וואכזאם און גרייט פאר נאך שאדן.

"קיינער שוויצט נישט דורך א שטורעם אזוי גוט ווי ניו יארקער, און די שנעלע ערהוילונג פון די היסטארישע פארפלייצונגען די וואך מאכט דאס נאך מער קלאר," **האט גאווערנער האקול**

**געזאגט.** "כאטש עס איז נאך דא א לאנגע וועג צו גיין, דאך איז דאס ברענגען די שאסייען אין די האדסאן וואלי צוריק אין דינסט א ריזיגע טריט וואס איז ערמעגליכט געווארן דורך מידלאזע באמיאונגען פון אונזערע הייוועי מאנשאפטן און קאנטראקטארס ארבעטנדיג ארום דעם זייגער. איך וויל שיקן א טיפע דאנק פאר יעדער וואס האט צוגעלייגט א האנט צו העלפן זייערע ניו יארקע שכנים צו אדורכגיין די היסטארישע שטורעם בשלום."

שאסייען וועלכע זענען ערווארטעט זיך צוריק צו עפענען היינט רעכענען אריין:

- יו. עס. רוט 6/202 (Bear Mountain Bridge Road) וועט זיך צוריק עפענען איןביידע ריכטונגען צווישן סטעיט רוט D9 און יו. עס. רוט 9 אין די טאון אָוו קאָרטלאנד, וועסטשעסטער קאונטי. דרייווערס וועלן נישט קענען אריבערפארן די בער מאונטעין ברידזש אריין אין ראקלענד קאונטי.
- יו. עס. רוט W9 וועט זיך צוריק עפענען אין ביידע ריכטונגען מיט ווייניגער ליניעס אין די פלעצער ארום קארנוואל און די Stony Lonesome Gate ארייגאנג צו וועסט פוינט/Mountain Ave. דאס נעמט אריין 4.8 מייל פון שאסיי, אריינרעכענענדיג די הויפט אריינגאנג צו וועסט פוינט פון צפון און דאס צוריק שטעלן די הויפט רוט אין באנוץ דורך טעגליכע דרייווערס.
- סטעיט רוט 32 ביי Trout Brook Road, טאון אָוו וואודבורי, אראנדזש קאונטי וועט זיך צוריק עפענען מיט איין ליניע פאר טראפיק פון ביידע זייטן קאנטראלירט דורך א צייטווייליגע סיגנאל.

די פאלגנדע שאסייען האבן זיך צוריק געעפנט:

- סטעיט רוט 104 אין אָסוועגאָו קאונטי האט זיך צוריק געעפנט מיט איין ליניע מיט רייעס פאר ביידע זייטן
- רוט N30/28 פון בלו מאונטעין לעיק ביז לאָנג לעיק אין העמילטאן קאונטי האט זיך צוריק געעפנט
- רוט 30 פון לאָנג לעיק (העמילטאן קאונטי) צו די פרענקלין קאונטי ליניע האט זיך צוריק געעפנט

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט האט מער פון 3,480 סופערווייזארס און טראק דרייווערס וועלכע שטייען גרייט אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג מער פון 540 אין די האדסאן וואלי ראיאן. מאנשפאט מיטגלידער פירן דורך אקטיווע אפשאצונגען פון די שאדנס און ארבעטן צו צוריק עפענען סטעיט שאסייען ווי שנעלער מעגליך. די סטעיט רוט W9 בריק העכער די פּאָפּאלאָפּען וואסער שטורים אין היילענדס טאון, אראנדזש קאונטי, איז יעצט פארשלאסן אין די צייט וואס סטעיט אינדזשענירן זעצן פאר צו אפשאצן די שאדן און אויפקומען מיט א פלאן צו צוריק עפענען די בריק ווי שנעלער מעגליך.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "איך בין גאר שטאלץ און דאנקבאר אן א סוף פאר די איבערגעגעבענע פרויען און מענער פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט וועלכע ארבעטן מידלאזערהייט צו צוריק עפענען אונזער סטעיט'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור. און כאטש עס איז נאך געבליבן באדייטנדע

ארבעט צו טוהן, דאך האב איך נישט קיין ספק אז זיי זענען פעהיג צו נאכקומען די פארלאנג און אז זיי וועלן פארזעצן צו אריינלייגן די מיהען ביז די ארבעט איז פארטיג."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "כאטש די קומענדיגע רעגנס זענען נישט ערווארטעט צו זיין אזוי שטארק ווי די וועלכע מיר האבן געזעהן פריער די וואך, דאך זענען פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען פאר צו שטעלן אן עכטע סכנה פאר ניו יארקער זעהענדיג ווי סאך וואסער די ערד האט שוין איינגעזאפט. אין די צייט וואס אונזערע מאנשאפט מיטגלידער זענען פאר צו ארבעטן האנט ביי האנט מיט אונזערע לאקאלע שותפים אויף ערהוילונג אפעראציעס, איז עס קריטיש אז ניו יארקער אין די מזרח חלקים פון די סטעיט זאלן בלייבן וואכזאם אין די קומענדיגע טעג און אונטערנעמען די נויטיגע שריט צו האלטן זיך און זייערע פאמיליעס זיכער."

צווישן זונטאג און מאנטאג זענען מער פון אכט אינטשעס רעגן באריכטעט געווארן אין חלקים פון די מיד-האדסאן ראיאן (אראנדזש קאונטי) און מער פון פינף אינטשעס רעגן אין די פינגער לעיקס ראיאן (אָנטאַריאו קאונטי). צווישן מאנטאג און דינסטאג האבן חלקים פון די נארט קאנטרי (העמילטאן קאונטי) געזעהן עטליכע אינטשעס רעגן אין א קורצע צייט אפשניט. די רעגנס האבן פאראורזאכט שרעקליכע פארפלייצונגען וועלכע האבן אפגעשפארט שאסייען און געשעדיגט אינפראסטרוקטור אריבער באטראפענע ראיאנען.

די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) האט פעלד מאנשאפטן פון די אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Office of Emergency Management), אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control) און קאטאסטראפע ערהוילונג ( Disaster Recovery) וועלכע פירן דורך אפשאצונגען פון די שאדנס און זיכערהייט אינספעקציעס אין באטראפענע קאמיוניטיס. גאווערנער האקול און די DHSES זענען געשטאנען אין פארבינדונג מיט פעדעראלע בעאמטע איבער די נויט פאר א 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע וואס וועט ערמעגליכן צו ברענגען פעדעראלע פארגוטיגונגען צו לאקאלע רעגירונגען.

א פארפלייצונג וואָטש איז יעצט אין קראפט ביז דאנערשטאג פאר די גאנצע אדער חלקים פון קלינטאן, עסעקס, לואיס, קאַיוּגע, אָסוועגאָו, אָנטאַריאו, וועין, העמילטאן, הערקימער, סאראטאָגע,ווארען און וואשינגטאן קאונטיס. פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פאראויסזאגונגען, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס וועבזייטל ביי https://alerts.weather.gov.

ניו יארקער ווערן געמוטיגט זיך צו איינשרייבן פאר די סטעיט'ס עמערדזשענסי אלערט סיסטעם דורכן זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף alert.ny.gov — אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

**שאסייען יעצט פארשלאסן**

**האדסאן וואלי:**

- סטעיט רוּט 218 איז פארשפארט איןביידע ריכטונגען צווישן סטאָרם קינג הייוועי און די טאון אָוו קארנוואל/טאון אָוו היילענדס ליניע, טאון אָוו קארנוואל, אראנדזש קאונטי
- די פאליסעידס פארקוועי איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן עקזיטס 14 און 18, טאון אָוו היילענדס, ראקלענד קאונטי

- די יו. עס. 6 איז פארשפארט איןביידע ריכטונגען צווישן NY 293 און די פאליסעידס פארקוועי ראמפע, וואודבורי, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין די דרום ריכטונג צפון פון NY 218 עקזיט, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען ביי Old State Rd, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין די צפון ריכטונג ביי Bear Mountain Circle, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן Seven Lakes Drive און S Entrance Road, סטאָוני פוינט, ראקלענד קאונטי
- די יו. עס. W9 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען ביי Mine Dock Rd, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- די פּאליסעידס פּארקוועי איז פארשפארט אין די דרום ריכטונג צווישן די יו. עס. W9; יו. עס. 6; עק פון די שאסיי און עקזיט 15; Old Gate Hill Road; קאונטי רוט 10, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- סטעיט רוט U980 איז פארשפארט אין צפון און דרום ריכטונגען צווישן די יו. עס. W9 און סטעיט רוט 218, היילענדס, אראנדזש קאונטי
- סטעיט רוט 292 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן סטעיט רוט 292; סטעיט רוט 311; סטעיט רוט 55, פּעטערסאן, פּאָטנעם קאונטי
- סטעיט רוט 17 איז פארשפארט אין מזרח ריכטונגען אויף ראמפע צו עקזיט A130, וואודבורי, אראנדזש קאונטי
- סטעיט רוט 448 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען מזרח פון North Broadway, מאַונט פלעזענט, וועסטשעסטער

**די עדיראַנדעקס**

- סטעיט רוט N28 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען פון לאָנג לעיק ביז די עסעקס קאונטי ליניע, העמילטאן קאונטי

**צענטראלע ניו יארק**

- סטעיט רוט A69 איז פארשפארט אין ביידע ריכטונגען צווישן סטעיט רוט 69 און יו. עס. רוט 11 אין פעריש, אָסוועגאָו קאונטי

**<u>שווערע וועטער זיכערהייט עצות</u>**

**סופּלייס פאר א קאטאסטראפע**

- האלט סופּלייס פאר א קאטאסטראפע ביים האנט, אריינרעכנענדיג:
- פלעשלייטס און עקסטערע בעטעריס
- בעטערי־באקרעפטיגטע ראדיא און עקסטערע בעטעריס
- ערשטע הילף פעקל און אנווייזונגען
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער

- נישט עלעקטרישער קען עפענער
- נויטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

**פלוצימדיגע פארפלייצונגען**

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוואשן קאר פון א ראוד אדער בריק.

**בליצן**

- פאלגט נאך דער 30-30 כלל: אויב דער צייט צווישן ווען איר זעט א בליץ און הערט ווי עס דונערט איז אונטער 30 סעקונדעס, איז דער בליץ גענוג נאענט אייך צו דערכאפן. זוכט אויס א שוץ-ארט זאפארט. נאך דער לעצטער בליץ, ווארטס אפ 30 מינוט בעפאר איר פארלאזט אייער שוץ-ארט.
- בליצן שטויסן אן צום ערשט דאס וואס שטייט דאס מערסטע אין די הייעך. אויב איר זענט העכער די שפיץ הויעכקייט פון ביימער, גייט זאפארט ארונטער און לייגט זיך אראפ איינגעבויגענערהייט אויב איר זענט אין אן אפענעם שטח.
- אויב איר קענט נישט אנקומען צו א שוץ-ארט, שטייט אוועק פון ביימער. אויב עס איז נישט דא קיין ארט וואו זיך צו באשיצן, זעצט אייך אראפ טיף איינגעבויגן, און שטייטס ווייט פון א בוים טאפלט די מאס פון איר הייעך.

פאר מער אינפארמאציע איבער פערזענליכע גרייטקייט און איבער וויאזוי צו בלייבן זיכער דורכאויס שווערע וועטערס, באזוכט: https://www.dhses.ny.gov/safety-and-prevention.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418